**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/26/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## נאכפאלגנדיג איר פארפליכטונג פאר יושר'דיגע האוזינג מאנאט, מעלדט גאווערנער האקול דאס ארויסגעבונג פון ענדגילטיגע יושר'דיגע האוזינג מאכט אויס ניו יארק באריכט און מאפע אויסקוק

***באריכט ברענגט ארויס צילן און אקציע ענינים צו אדרעסירן אנגייענדע אפגעזונדערטע וואוינען אויסשטעלן און אומגלייכע צוטריט צו קאמיוניטי הילפסמיטלען***

***לייענט די מעלדונג דא***

אין צוזאמענהענג מיט נאציאנאלע יושר'דיגע האוזינג מאנאט, האט גאווערנער קעטי האקול היינט געמאלדן די לעצטיגע יושר'דיגע האוזינג מאכט אויס ניו יארק געדאנק, א גרונטליכע אפשאצונג פון יושר'דיגע האוזינג אין ניו יארק סטעיט און א נייע אנליין מאפע געצייג וואס צייגט וויאזוי יושר'דיגע האוזינג אנגעלעגנהייטן טוען באווירקן ניו יארקער לענגאויס די סטעיט. די באריכט, וועלכע איז ערשט ארויסגעלאזט געווארן פאר פובליק באמערקונג לעצטע יאר, האט איבערגעקוקט זיבן הויפט יושר'דיגע האוזינג אנגעלעגנהייטן און פעסטגעשטעלט א רייע פון צילן און אקציע ענינים צו אדרעסירן האוזינג אונטערשיידן וואס עמפינדליכע גרופעס זענען אדורך און די וואס זענען באשיצט אונטער יושר'דיגע האוזינג געזעצן. דער גאווערנער האט אויך ארויסגעגעבן א דערקלערונג וואס צייכנט אן אפריל אלץ יושר'דיגע האוזינג מאנאט אין ניו יארק סטעיט.

"עס איז וויכטיג אז, יעדע אפריל, הייבן מיר אויפמערקזאמקייט וועגן די וויכטיגע ראלע וואס יושר'דיגע האוזינג געזעצן שפילן אין הייבן גלייכבארקייט, שאפן עקאנאמישע געלעגנהייט, און אדרעסירן היסטארישע אומ'יושר'קייט אין ניו יארק און לענגאויס דעם לאנד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "היינט, טראגט די פארשריט וואס איז געמאכט געווארן זינט דאס ארויסגעבן פון די יושר'דיגע האוזינג אקט אין 1968, טוען מיר פארזעצן זיך צו ספראווען מיט די אומגערעכטיגקייטן אין אונזער באפעלקערונג. מיין אדמיניסטראציע נעמט א מערערע-טייל צוגאנג צו פארזיכערן אז ניו יארקער קענען וואוינען ווי זיי ווילן אויס, קענען בויען רייכקייט דורך האבן זייער אייגענע היים און קענען האבן עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר זיך און זייערע פאמיליעס."

פארגעשלאגן דורך ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע באנייאונג, איז די *יושר'דיגע האוזינג מאכט אויס ניו יארק* באריכט און די בייגעלייגטע אויסקוק געצייג באזירט אויף פול אינפארמאציע און איז ענדגילטיג געשלאסן געווארן נאך א פובליק באמערקונג צייט אפשניט וואס רעכנט אריין מיינונגען פון געמיינדע פירער, נאן-פראפיט ארגאניזאציעס, האוזינג פראפעסיאנאלן, און איינוואוינער.

דער באריכט צייגט אז בשעת ניו יארק ווערט כסדר מער פארשידנארטיג, דעקט עס אויף אז וואוינונג אויסשטעלן, צוטריט צו קאמיוניטי הילפסמיטלען, צוגענגליכע האוזינג, און היימאייגנטומשאפט בלייבט צוטיילט לענגאויס ראסע און עטנישע ליניעס. אפגעזונדערקייט איז נישט בלויז באזירט אויף ראסע -

עלטערע ערוואקסענע, די מיט געצוימטע ענגליש פעאיגקייטן, און די מיט באגרעניצונגען געפונען זיך אויך קאנצענטרירט אין ערטער מיט ארימקייט מיט צוטריט צו ווייניגער קאמיוניטי הילפסמיטלען.

דער באריכט אידענטיפיצירט אכט צילן און מערערע אקציע ענינים וואס פארטרעטן וועגן וואס ניו יארקער קענען טון צו שאפן מער צוטריט צו האויזינג דורך א קאמבינאציע פון מארקעט-געטריבענע, רעגולעטארי, פינאנציעלע און אדמיניסטראטיווע טוישונגען.

געוויסע פון די מיטלען אידענטיפיצירט אין די באריכט ווערן אצינד איינגעפירט דורך די סטעיט. דאס נעמט אריין געדאנקען ווי HCR'ס Making Moves פראגראם, וועלכע העלפט הויזגעזונטס מיט סעקשאן 8 האויזינג אויסוואל וואוטשערס זיך אריבערצוציען צו צוגענגליכע הייזער אין געגענטער פון זייער אויסוואל; און Credit is Due היימאייגנטומערשאפט פראגראם, אווילעבל דורך די סטעיט פון ניו יארק מארגעדזש אגענטור, וועלכע אדרעסירט ראסיע אומגלייכקייטן אין הייםאייגנטומשאפט דורך פארמערן צוטריט צו מארגעדזשעס פאר מינאריטעט היים איינקויפער.

לייינט די פולע באריכט און קוקט די מאפעס דא.

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמיסיאנער רותען וויסנאסקאס האט געזאגט,** "די יושר'דיגע האויזינג מאכט אויס ניו יארק באריכט און אינטעראקטיווע מאפעס זענען קריטיש צו פארשטיין ווי ווייט די אפגעזונדערטע האויזינג פראקטיקן האבן אויסגעשלאסן מענטשן פון די הייזער וואס עס קומט זיך פאר זיי. מיטן אנאליזירן אונטערשיידן און באקומען ווערדפולע מיינונגען פון קאמיוניטיס און סטעיקהאלטער, קענען מיר בעסער פארשטיין די שטרויכלונגען וואס צופיל ניו יארקער ספראווען זיך מיט ביים קויפן אדער דינגען א הויז אין די קאמיוניטי וואס זיי טוען אויסוועלן. מיר קענען דאן איינפירן סטראטעגיעס וואס ברעכן אראפ די שטרויכלונגען. איך בין שטאלץ פון מיין טיעם ביי HCR פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו אונזער מיסיע, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט ווען מיר ארבעטן אפצוהיטן די רעכט פון יושר'דיגע האויזינג אין ניו יארק."

**גאווערנער האקול'ס יושר'דיגע האוזינג אגענדע**
גאווערנער האקול פארבלייבט פארפליכטעט צו צושטעלן זיכערע, יושר'דיגע און צוגענגליכע האוזינג פאר אלע ניו יארקער. די גאווערנער האט אנאנסירט א 2.2 מיליאן דאלארדיגע אויסברייטערונג פון ניו יארק'ס יושר'דיגע האוזינג פראבע פראגראם (Fair Housing Testing Program) וואס איז אויסגעשטעלט צו אויסראטן דיסקרימינאציע ביים ארויסדינגען און פארקויפן הייזער. ניו יארק שליסט זיך אן אין א שותפות מיט זעקס נאנ-פראפיט ארגאניזאציעס איבערן סטעיט ארויסצושיקן באהאלטענע אגענטן זיך צו פארשטעלן אלץ מענטשן וועלכע זוכן צו דינגן אדער קויפן א היים. די אויסברייטערונג האט פארגרעסערט די סטעיט'ס מעגליכקייטן צו קענען אויספארשן פארדעכטיגטע האוזינג דיסקרימינאציע בעפאר א פארלעצונג ווערט געכאפט און צו פארשטערקערן אויפקלערונג באמיאונגען און באמיאונגען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי איבער יושר'דיגע האוזינג רעכטן און פאדערונגען פון לענדלארדס, טענאנטס, ריעל עסטעיט פראפעסיאנאלן און לאקאלע רעגירונגען.

אין דעצעמבער פון 2022 האט די גאווערנער אנאנסירט א באריכט פון די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services, DFS) וואס האט געפונען אנגייענדע ראסישע אומגלייכקייטן אין מארטגעדזש הלוואה סטאנדארטן אין לאנג איילענד, ראטשעסטער און סירעקיוס. די באריכט איז געווען טייל פון אן אנגייענדע אונטערזוכונג פון 'רעדליינינג' איבערן סטעיט, און עס האט נאכגעפאלגט אן אנדערע שטודיע פון די DFS וואס האט געטראפן 'רעדליינינג' און אנדערע סארטן האוזינג דיסקרימינאציע דורך מארטגעדזש פירמעס – באזונדערס פירמעס וועלכע גיבן ארויס מארטגעדזשעס אן דעפאזיטס – אין געגנטער וואו עס וואוינען הויפטזעכליך מינאריטעט גרופעס אין באפעלאו.

דער גאווערנער האט אויך אונטערגעשריבן לאנדמארק לעגיסלאציע צו פארמערן באשיצונגען פאר ניו יארקער אנטקעגן האוזינג דיסקרימינאציע.

לעצטע יאר, האט דער גאווערנער אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו פארלענגערן די סטאטוט פון באגרעניצונגען פאר ניו יארקער אריינצוגעבן א באקלאגעניש מיט DHR, ערלויבנדיג אומגעזעצליכע האוזינג דיסקרימינאציע קלעימס פאר אינצידענטן וואס פאסירן אום אדער נאך פעברואר 15, 2024, צו ווערן אריינגעגעבן ביז דריי יאר פון די אנגעבליכע דיסקרימינאציע. די גאווערנער האט אויך אונטערגעשריבן א רייע פון ניין יושר'דיגע האוזינג בילס אויסגעשטעלט צו באקעמפן דיסקרימינירנדע האוזינג פראקטיקן וואס גייען אן ארום די סטעיט, אריינרעכענענדיג א ביל צו העכערן די קנסות פאר אומגעזעצליכע האוזינג דיסקרימינאציע; אויפשטעלן א קאסע צו שטיצן יושר'דיגע האוזינג טעסטינג; און אויסברייטערן פארלאנגטע טרענירונגען פאר ריעל עסטעיט פראפעסיאנאלן אין די נושאים פון די טראדיציע פון סעגרעגאציע, אומיושר'דיגע באהאנדלונג און היסטארישע מאנגל אין צוטריט צו האוזינג געלעגנהייטן.

ניו יארקער וואס ספראווען זיך מיט אומגעזעצליכע דיסקרימינאציע אין האויזינג קענען [אריינגעבן אן אנקלאגע מיט DHR אנליין] אדער דורך רופן 1-888-392-3644.

**באקעמפן איינזייטיגקייט און דיסקרימינאציע אין האוזינג**

אלץ טייל פון די FY 2025 ענעקטעד בודזשעט, האט גאווערנער האקול אויך פאראויסגעשטופט לעגיסלאציע צו פארבאטן אינשורענס פירמעס פון זיך נאכפרעגן וועגן אדער באטראכטן טענענט'ס קוואל פון אינקאם, די אנוועזנהייט פון צוגענגליכע וואוינבארע דירות, אדער דאס ערהאלטונג פון רעגירונג האויזינג הילף אין די אפשטימונג ארויסצוגעבן אדער ווייטער צושטעלן אינשורענס פאר רעזידענשאל ריעל פראפערטי. די נייע לעגיסלאציע וועט העלפן פארזיכערן צוגענגליכע האוזינג פראוויידערס האבן צוטריט צו נארמאלע-קאסט אינשורענס, וועלכע וועט דאן העלפן פארמיידן העכערונגען אויף טענענטס.

דער גאווערנער וועט אויך אויפשטעלן א נייע אינפארסירונג איינהייט געווידמעט צו שנעלע לעזונג פון באקלאגענישן וועגן האוזינג דיסקרימינאציע פארבינדן צו סעקשאן 8 האויזינג אויסוואל וואוטשערס, העלפנדיג צו פלאצירן באווירקטע אינדיווידועלן און פאמיליעס אין אוועילעבל האויזינג צו וועלכע זיי זענען אומגעזעצליך אפגעזאגט געווארן צוטריט צו באזירט אויף זייערע וואוטשערס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן